493436

CENZURAT.


# BINEVESTITORUL

# המבשר טוב

א בלאט וועגען רעליגיאן און מאראל.


„מה נאוו על ההרים רגלי מבשר משמיע שלום, מבשר טוב ומשמיע ישועה.“

(ישעיה נ״ב, 7.)

ולכו אל-כל-העולם וקראו את הבשורה לכל-הבריאה...

(ברית החדשה: מרק ט״ז 16.)

„ווי ליבליך זענען אויף די בערג די פיס פון די מבשרים, וואס גיבן צו הערן וועגן שלום, פרעדיגן גוטעס, גיבן צו הערן די ישועה...“

(ישעיה נ״ב 7).

„געהט אין דער גאנצער וועלט און זאגט די בשורה אללע קרעאטור...“

(ברית החדשה: מרק ט״ז 16).


No. 1—2. 1928. קישינעוו.


BCU Cluj Central University Library Cluj

## אינהאלט:


1. די גוטע בשורע
2. ניי איז דאס הארץ.
3. די געבורדס פון ישוע המשיח.
4. „גזע ישי“.
5. א גרויסער מגיד.
6. פראגן פאר אידען.
7. ואהבת לרעך כמוך.


## די גוטע בשורה

מה נאוו על ההרים רגלי מבשר משמיע שלום מבשר טוב...

דער נביא ישעיה האט געלעבט א גאנץ לאנגע צייט פאר דעם גלות בבל, אבער ברוח הנבואה האט ער ניט נאר געזעהען דאס אידישע פאלק אין גלות נאר אויך זייער גאולה. אין אזא מין מאמענט האט ער אויסגעשריען דיזע ווער-טער: „ווי שעהן זענען אויף די בערג די פיס פון מבשר וואס ווייזט שלום, וואס פרעדיגט גוטעס'...

(ישעיה נ״ב. ז.)

ווי אנגענעהם איז געווען דער גוטער מבשר צום ערמידעטען און נאך פרייהייט פערלאנגענדען פאלק! מיט וואס פאר א פריידע האט זיך גע-קלאפט דאס הארץ פון דעם פאטריאטישען נביא ווען ער האט געזעהען זייער גאולה!

די גאולה איז געקומען אבער איז ווידער פער-לוירען געווארען, און יעצט זענען מיר אין א גלות, א פיעל לענגערן און שלימערן פון ערשטען.

אונזער „מבשר טוב“ וויל אייך ברייגנען די בשורה טיבה פון א גאולה פון א פיעל גרעסערען גלות פון דעם בבלישען אדער היינטיגען, דאס איז דער גלות החטא. דיזע גאולה איז ניט קיין פער-גענגליכע, נאר א אייביגע. זי איז פאלענדעט דורך

דעם קרבן וואס ישוע המשיח האט געבראכט. אויף דעם. זאגען עדות משה און די נביאים. ווער עס גלויבט אין איהם בעקומט א נייע הארץ און ווערט אין אמת'ן א פרייער מענש.

אז פיעלע פון ישראל זאלען אין דיזעזעם נייעם יאהר אנערקענען און פריי ווערען איז אונזער וואונש און תפלה.

י. ש. א.

# לב חדש

ל. אווערבוך

איך וועל מאכען... א נייעם בונד...
זיי האבען צושטערט מיין בונד.
(ירמיה ל"א).
איך וועל אייך גיבען א נייע הארץ
און א נייעם גייסט.
(יחזקאל ל"ו).

1. נייע איז דאס הארץ פון זינדען באפרייט,
מיר א מתנה, דער חסד פון גאט,
אלע געדאנקען, געפילען באנייט,
גרויס איז די ליבע, וואס ער צו מיר האט.

משוררים:
אלעס איז נייע, נייע איז דאס הארץ,
נייע איז דאס לעבען,
א, שענע מתנה פון גאט!

2. לאנג אין דעם גלות מיר בלאנזען ארום,
האבען דעם ברית פון דער תורה צושטערט,
אבער גאט'ס חסד זוכט אונז אומעטום,
דורך דעם משיח אונז ליבע פארמעהרט.

3. נייע איז דער בונד וועלכען גאט האט געמאכט,
ישוע משיח דער מלאך הברית,
בלוט האט פארגאסען און אלעס פאלבראכט
סליחות עונות גיבט ער אונז געוויס.

4. קום-זשע צו איהם און פון זינד וואש דיך ריין,
תשובה פון הארצען טהו ערענסט אצינד,
גאט וועט פארבייטען דיין הארץ,
וואס פון שטיין,
שיינקט א לב חדש, דו ווערסט גאטס א קינד.

BCU Cluj / Central University Library Cluj

# די געבורט פון ישוע המשיח

ניט לאנג צוריק איז געפייערט געווארען ביי פי-לע מיליאנען מענשען דער געבורטסטאג פון דעם פערזאן וועלכער האט אנגעהויבען א נייע עפאכע כמעט אין דער גאנצער וועלט. 1928. זייט וואס? זייט ישוע הנצרי איז געבוירען געווארען. פאר וואס אזא גרויסער כבוד? ווער איז ער געוועזן? די פראגע קומט אויך צום אידען, וויפיעל ער מעג זיך ניט ערמידען זי צו איגנארירען. ער האט אויך געזוכט אן-ענטפער צו איהר אבער מיט דעם דעק-טוך פון פאראורטהייל אויף זיינע אויגן. ווער איז ניט בעקאנט מיט דער „בלינדער נאכט”, די פאר-שידענע שמוציגע מעשה-לעך וועגן דעם געבורט און לעבען פון ישוע הנצרי?

געוויס איך וויל ניט אפלייקענען אז זא-גענאנטע קריסטען זענען אין א גרויסער מאס פעראנטווארט-ליך פאר דער עקזיסטענץ פין אזעלכע געשיכטען. עס איז געווען זייער אינטאלעראנץ צום אידען אין יענע צייטען, עס איז געווען די שווערע אינקווי-זיציעס וועלכע האבען ארויסגערופען געפילען פון נקמה אינעם אידישען הארצען, און צו שוואך צו אויסגיסען זיין נקמה אויף אן-אנדער אויפן האט ער געווארפען שמוץ אויף דעם קאפ פון איהם וועלכער איז געקומען צו רעטען די מענשהייט. די וועלכע האבען געפייניגט דעם אידען האבע קיין רעכט זיך אנרופען אין זיין נאמען. ער איז געקו-מען צו ר ע ט ע ן ניט צו פ ע ר ד א ר ב ע ן. אבער א ליגען בלייבט א ליגען, וואס די סבה וואס האט אים ארויסגערופען מעג ניט זיין. דארום מיין לי-בער איד, אהן פאראורטהייל הער זיך צו צו די פאלגענדע ווערטער:

„די געבורט פון ישוע המשיח איז געוועזען אזוי. מרים זיין מוטער איז פערלאבט (פארקנסט) געוועזן צו יוסף'ן און איידער זיי זענעןביידע אין איינעם געוועזען איז זי געפונען געווארען מעוברת פון דעם רוח הקדש. אבער יוסף איר מאן איז געוועזען איין צדיק, און האט ניט געוואלט ארויס

ברייגנגען אויף איר איין שם רע, ער האט ביי זיך געדאכט זי שטילערהייט צו פארלאזען. ווען אבער ער האט ביי זיך אזוי געדאכט, אזוי האט איין מלאך פון גאט זיך צו איהם באוויזען אין איין חלום און געזאגט: „יוסף בן דוד, פירכטע דיך ניט צו נעמען דיין ווייב מרים, דען איהר לייבעס פרוכט (פרי הבטן) איז פון דעם רוח הקדש. און זי וועט איין זוהן געבוירען, און דו זאלסט אים איין נאמען גיבען ישוע, דען ער וועט רעטען זיין פאלק פון זייערע זינד" און דאס אלעס איז געשעהען, כדי עס זאל דערפילט ווערען וואס גאט האט געזאגט דורך דעם נביא וועלכער זאגט: זעה, די עלמה וועט מעוברת ווערען און וועט געבוירען איין זוהן, און דיי וועלען זיין נאמען רופען עמנואל, דאס הייסט: גאט איז מיט אונז. (ישעיה ז, י"ד) און ווען יוסף איז אויפגעשטאנען פון שלאף האט ער געטאן אזוי ווי דער מלאך פון גאט האט אים געהייסען און האט זיין ווייב גענעמען. און ער האט איהר ניט דערקאנט ביז זי האט געבוירען איר זוהן דעם בכור, און ער האט זיין נאמען גערופען ישוע.

ווען ישוע איז געבוירען געווארען אין בית לחם יהודה אין הורדוס המלך'ס טעג, נון זענען געקומען מאגיער (חכמים) פון מזרח לאנד קיין ירושלים און געזאגט: וואו איז דער געבויירענער מלך פון די אידען? דען מיר האבען געזעהען זיין שטערען אין מזרח און מיר זענען געקומען זיך צו בוקען פאר איהם. ווען הורדוס המלך האט דאס דערהערט איז ער דערשראקען געווארען און גאנץ ירושלים מיט איהם. און ווען ער האט איינגעזאמעלט אלע עלטסטע כהנים און סופרים פון דעם פאלק האט ער ביי זיי געפרעגט: וואו דארף דער משיח געבוירען ווערען? און זיי האבען צו איהם געזאגט: אין בית לחם יהודה, וויל אזוי איז געשריבען דורך דעם נביא, און דו בית לחם לאנד פון יהודה ביזט ניט די קלענסטע אונטער די פירשטען פון יהודה, דען אויס דיר וועט ארויסקומען איין מושל. וועלכער וועט פיטערן מיין פאלק ישראל. דאמאלסט האט הורדוס גערופען די חכמים שטילערהייט און האט ביי זיי אויסגעפארשט די צייט ווען דער שטערען האט זיך באוויזען. און ער האט זיי געשיקט קיין בית לחם און געזאגט: „גייט און פארשט גוט אויס איבער דעם קינד, און ווען איהר וועט איהם געפינען גיט מיר צו וויסען, כדי איך זאל אויך קומען זיך בוקען פאר איהם." ווען זיי האבען אויסגעהערט דעם מלך זענען זיי געגאנגען, און נון, דער שטערען, וועלכען זיי האבען געזעהען אין מזרח איז פאר זיי געגאנגען, ביז ער איז געקומען און האט זיך געשטעלט איבער דעם ארט וואו דאס קינד איז געווען. ווען זיי האבען דערזעהען דעם שטערען האבען זיי זיך זעהר געפרייט מיט גרויס שמחה. בעת זיי זענען אריין געקומען אין הויז אריין האבען זיי געפונען דאס קינד מיט מרים'ן זיין מוטער, און זענען אנידער געפאלען און האבען זיך געבוקט פאר איהם, און האבען אויפגעעפענט זייערע אוצרות און האבען איהם געבראכט מתנות, גאלד, לבונה און מור. און אין חלום האט מען זיי מודיע געווען, ניט אומצוקערען זיך צו הורדוס'ן און זיי זענען געגאנגען אין זייער לאנד דורך איין אנדערען וועג. ווען זיי זענען אוועקגעגאנגען, נון, האט זיך איין מלאך פון גאט באוויזען צו יוסף'ן אין חלום און געזאגט: שטעה אויף נעם דאס קינד און זיין מוטער און לויף אוועק קיין מצרים, און בלייב דארט ביז איך וועל דיר זאגען, ווייל הורדוס וועט זוכען דאס קינד, כדי ער זאל עס פערדארבען. ער איז אויפגעשטאנען, גענומען דאס קינד און זיין מוטער אין דער נאכט, און איז געגאנגען קיין מצרים. און ער איז דארט געווען ביז הורדוס'עס טויט, צו דערפילען וואס גאט האט געזאגט דורך דעם נביא, וועלכער זאגט: פון מצרים האב איך גערופען מיין זוהן. בעת הורדוס האט געזעהן, דאס די מאגיער (חכמים) האבען איהם אויסגעשפעט איז ער זעהר צארניג געווארען, און האט געשיקט אויסהרגענען אלע קינדער וועלכע זענען געוועזען אין בית לחם און אין אלע איהרע אומגעגענדען, פון צוויי יאהר אלט און וועניגער, וועדליג דער צייט וואס ער האט אויסגעפארשט פון די מאגיער (חכמים). דאמאלסט איז דערפילט געווארען דאס ווארט, וואס איז דורך ירמיה הנביא געזאגט געווארען, וועלכער זאגט: איין קול איז אין רמה געהערט געווארען, קלאג און ביטער געוויין, רחל וויינט אויף איהרע קינדער, און זי וויל ניט געטרייסט ווערען, וויל זיי זענען ניט דא. ווי אבער הורדוס איז געשטארבען אזוי האט זיך גאטעס מלאך באוויזען צו

יוסף'ן אין חלום אין לאנד מצרים. און זאגט שטעה אויף, נעם דאס קינד און זיין מוטער און געה קיין ארץ ישראל, ווייל די וואס האבען געזוכט דאס לעבען פון דעם קינד זענען געשטארבען. ער איז אויפגעשטאנען האט גענעמען דאס קינד און זיין מוטער און איז געקומען קיין ארץ ישראל.

(ברית חדשה: מתי א. י"ח—ב. כ"א).

ישוע הנצרי איז דער אידישער לאנג-ערווארטעטער משיח. אויף איהם האבען משה און די נביאים גערעדט. ער איז די פערקערפערונג פון אלע גאטס הבטחות. צום בעדויערען „איז ער געקומען צו זיינע, און זיינע האבען איהם ניט אויפגענעמען". אבער „וויפיעל עס האבען אים אנגענעמען, די האט ער געגעבען מאכט צו ווערען גאטעס קינדער, די וועלכע גלויבען אין זיין נאמען. די וועלכע זענען געבוירען ניט פון בלוט, ניט פון דעם פלייש ווילען, ניט פין איין מאנ'ס תאוה, נור פון גאט". מיר קענען איהם איבער ניט פארבייגעהען אדער בלייבען גלייכגילטיג צו איהם. דורך איהם ווערען מיר אדער גערעטעט, אדער פערמשפט.

## „דרשו בכתובים".

פארשט אין די שריפטען (תנ"ך), אין וועלכע איהר גלויבט עבינעס לעבען צו האבען, און זיי זענען עס, וועלכע פון מיר עדות זאגען. יוער עס וויל טאן זיין ווילען דער פארשטעהט מיין לעהרע אויב זי איז פון גאט. אדער איך רעד פין זיך אליין.

## „גזע ישי".

1. צו אונז האט גאט געשיקט זיין זוהן
געבוירען ווי א קינד
וואס האט פון איהם באקומען קראפט
צו מוחל זיין די זינד

2. ישוע איז דער שטארקער גאט
— ער הייסט „דער האר פון פריד" —
די גאנצע בריאה זינגט צו איהם,
פאר וואס זשע שווייגט דער איד?

3. גיעב אפ ישוען כבוד גרויס.
צו איהם, פון ישי'ס שטאם —
זיין בלוט האט ער געשיינקט פאר דיר
ער איז דיין פסח לאם.

# א גרויסער מגיד דערציילט פאלגענדעס:

( פון ברית עם )

דער דירעקטאר פון א געפיינגנים האט מיך אמאל געבעטען, איך זאל קומען זאגען מוסר פאר זיינע ארעסטאנטען, און איך בין געקומען אין געפיינגנים און האב דארט געהאלטען א דרשה. נאך דער דרשה האב איך געפרעגט אנ'ארעסטאנט, ווי עס גייט אים דא אין דער תפיסה. דארויף האט דער ארעסטאנט געענטפערט „מיין הער! איר זאלט ניט מיינען, אז איר האט דא צו טאן מיט א פארברעכער. מען האט מיך אומשולדיג פארמשפט, מען האט פאלש עדות געזאגט אויף מיר". אונגעפער דאס זעלבע האבן אויך אלע די איבריגע ארעסטאנטן געזאגט; אלע זענען זיי אומשולדיג. צום סוף האב איך דערזעהן, ווי אנ'ארעסטאנט זיצט מיטן פנים אין די הענד און וויינט ביטער. אויף מיין פראגע, וואס עס פעלט אים, האט ער מיך אנגעקוקט מיט פארוויינטע אויגען, און אין זיין פנים האט מען געקענט זעהן פארצווייפלונג און געוויסענביסע. „א, איך קען ניט דערטראגען מיינע זינד"! האט ער געזיפצט. „גאט זיי דאנק דערפאר!" האב איך אים געענטפערט. „וואס זאגט איר?" האט זיך דער ארעסטאנט אפגערופען פארוואונדערט, „ניט איר האט דא איצטער געהאלטן די דרשה?" „יא, איך בין עס". „נו, און איר פרייט זיך, וואס איך קען ניט דערטראגען מיינע זינד?" „איך וועל עס אייך ערקלערן", האב איך געזאגט, „איר קלאגט, וואס איר קענט ניט דערטראגען אייערע זינד. ווילט איר זיי ניט אוועקגעבען אנ'אנדערען, וואס וויל און קען זיי טראגן, פאר אייך?" „ווער איז עס?" „דאס איז ישוע דער משיח". „אבער מיינע זינד וויל ער ניט טראגען". „פאר וואס ניט?" „דערפאר, וואס איך האב אויף מיין געוויסן צו פיל און צו שווערע פארברעכען, און איבריגענס האב איך שטענדיג געטרעטען זיין נאמען אונטער די פיס". „אבער ישוע איז דאך גראדע צוליב דעם געקומען, אז ער זאל אויפזוכען די זינדער און זיי ראטעווען". „דאס בלוט פון ישוע המשיח, דעם בן אלהים חי, מאכט אונז ריין פון אלע אונזערע זינד". איך האב

BCU Cluj / Central University Library Cluj

נאך געזוכט צו ערקלע׳ען אים, ווי משיח איז געקומען אום אויפצוזוכען און צו ראטעווען פארפאלענע זינדער, צו מבשר זיין פרייהייט פאר די, וואס זענען געפאנגען אין זינד; צו מבשר זיין א גאולה פאר די צישלאגענע. איך האב פשוט געפילט דעם טעם גן עדן, וואס איך האב געפינען האטשע איין מענטשען, וואס האט דערקענט און איינגעזעהן זיין פארלוירענעם צושטאנד. מיט שמחה האב איך אים דאן אנגעוויזען צום גואל, וואס האט זיך מקריב געווען א כפרה פאר אונזערע זינד, און איז אויפגעשטאנען תחית המתים און זיצט לימין הגבורה צו בעטען רחמים פאר אונז. עס האט לאנג געדויערט, ביז ער האט געקענט איינזעהן, אז אפילו פאר אזא טיף געפאלענעם, ווי ער, זאל קענען זיין א גאולה. ער האט אנגעהויבען אויסצורעכענען זיינע עברות, אבער איך האב אים געזאגט, אז דאס בלוט פון משיח קען זיי אלע באדעקען, קען זיי אלע אוועקוואשען. איך האב פארגעשלאגען, אז ער זאל מיט מיר מתפלל זיין. מיר זענען ביידע געפאלען כורעים, און איך האב אים געזאגט, אז ער זאל בעטען רחמים. „א, ניין!" האט ער געענטפערט, „אזא פארברעכער ווי איך זאל נאך האבען אנ׳עזה צו ריידען צו גאט? דאס וואלט דאך געווען א הלול השם!". „בעט רחמים", בין איך געבליבען ביי דאס מייניגע. ער האט אנגעהויבען מתפלל זיין, און זיין תפלה איז געווען קורץ, ווי דעם זינדיגען צעלנערס תפלה: „גאט, דערבארם דיך איבער מיר, זינדער!" (לוקס י״ח. יג.) איך האב אים הערצליך געדריקט די האנד, און האב דערביי געפילט ווי א טרער איז געפאלען אויף מיין האנד. דאס איז געווען א טרער פון א בעל תשובה. ער האט נאך אלץ געמיינט, אז ער איז א פארלוירענער מענטש. איך האב מיך באמיט צו איבערצייגען אים, אז די גאולה און כפרה דורך משיח ישוע גילט אויך פאר אים. ווען איך בין אוועק געגאנגען, איז ער נאך אלץ געווען פארצווייפעלט, און עס איז נאך געווען פינסטער ארום זיין נשמה. אויף מארגען האב איך זיך געאיילט אים צו באזוכען אין דער תפיסה און גאט האט מיר געגעבען שכר הליכה: מיין בעל תשובה איז, געווען עפעס ווי נאר א נייער מענטש. אין זיין פנים איז שוין ניט געווען קיין שפור פון געחיסענביסע אדער פארצווייפלונג. פון זיין פנים האט געשטראלט א הימלישע ליטערקייט, און טרערען פון שמחה האבען געגלענצט אין זיינע אויגען. ד שמש צדקה איז אויפגעגאנגען איבער אים, און זיי נשמה האט געיובעלט פאר שמחה.

„דער בן האדם איז געקומען אום אויפצוזוכען און צו ראטעווען דאס, וואס ווערט פארלוירען".

מיר זענען אלע פארלוירענע, געפאלענע זינדער. מיר זענען ניט בעסער פאר דעם פארברעכער אין תפיסה. אים האט מען אויסגעפינען דא אויף דער ערד, און אונז וועט מען אויסגעפינען און פארמשפט׳ן פאר׳ן בית דין של מעלה. אלע דארפען מיר די כפרה און גאולה דורך ישוע אונזער גואל און משיח.

„הוי כל צמא לכו למים ואשר אין לו כסף לכו, שברו ואכלו ולכו שברו בלא כסף ובלא מחיר יין והלב! ווער עס איז דורשטיג קומט נאך וואסער און ווער עס האט קיין געלט ניט, קומט קויפט און עסט, קומט קויפט אן געלט און אן באצאלונג חיין און מילך!".

# פראגען פאר אידן

(פארטזעצונג)

די צווייטע שטעלע איבער וועלכע מיר ווילען אייך איניגע פראגען פארלייגען איז דברים י״א, ט״ו–י״ט:

נביא מקרבך מאחיך כמני יקים לך יהוה אלהיך אליו תשמעון ככל אשר שאלת מעם יהוה אלהיך בחרב ביום הקהל לאמר. לא אסף לשמע את קול יהוה אלהי ואת האש הגדלה הזאת לא אראה עוד ולא אמות. ויאמר יהוה אלי היטיבו אשר דברו. נביא אקים להם מקרב אחיהם כמוך ונתתי דברי בפיו ודבר אליהם את כל אשר אצונו והיה האיש אשר לא ישמע אל. דברי אשר ידבר בשמי אנכי אדרש מעמו.—„א נביא פון צווישן דיר פון דיינע ברידער זא ווי איך בין וועט דער האר דיין גאט צו דיר אויפשטעלען, איהם זאלט איהר צוהערען. אין אלעם ווי דו האסט געבעטען פון דעם הערן דיין גאט אין חרב אין דעם טאג פון פער-

BCU Cluj / Central University Library Cluj

זאמלונג צו זאגען, איך וויל מעהר ניט הערען די שטימע פון דעם הערן מיין גאט, און דיעזען גרויסען פייער וויל איך שוין מעהר ניט זעהען דאס איך זאל ניט שטארבען. און דער הער האט צו מיר געזאגט עס איז גוט וואס זיי האבען גערעדט. א נביא וועל איך זיי אויפריכטען פון צווישען זייערע ברידער זא ווי דו ביזט און איך וועל אריינגעבען מיינע ווערטער אין זיין מויל און ער וועט צו זיי רעדען אלעס וואס איך וועל איהם פערזאגען, און עס וועט זיין דער מענש וואס וועט ניט צוהערען צו מיינע רייד וואס ער וועט רעדען אין מיין נאמען וועל איך עס פון איהם פאדערען".

דא, מיינע ליעבע ברידער. האבען מיר די שילדערונג פין א נביא וועמען גאט זאל אויפשטעלען פון צווישען די אידען וועלכער זאל זיין זא ווי משה, און דורך איהם זאל גאט בעקאנט מאכען זיין ווילען צו מענשען.

נון, ווער איז דיזער נביא? וואר ניט משה אלס נביא גאנץ פערשידען פון אלע אנדערע נביאים? האט ניט גאט פערשפראכען דאס ער זאל צו משה מינדליך רעדען און ניט נאר דורך געזיכטען און חלומות ווי דורך די אנדערע? שטעהט עס דען ניט געשריבען: „עס איז ניט אויפגעשטאנען אין ישראל נאך א נביא זא ווי משה וועמען גאט האט געקענט אנגעזיכט צו אנגעזיכט?" — ולא קם נביא עוד בישראל כמשה אשר ידעו יהוה פנים אל פנים (דברים ל"ד, י'). און זאגען דען ניט אידען יעדען פריהמארגען אין יגדל „ולא קם בישראל כמשה עוד נביא ומביט את תמונתו?" איז דען גאטעס הבטחה ניט ערפילט געווארען? האט ניט ישוע המשיח ערפילט דיזע הבטחה? וואר ער ניט דער נביא ווי משה? האט ניט גאט געשפראכען צו איהם אנגעזיכט צו אינגעזיכט און מויל צו מויל? האט ער ניט פיעלע ערלייזט אין א גייסטליכען זין ווי משה האט ערלייזט די אידן אין א קערפערליכען זין? וואר ניט משה א מליץ יושר? און איז ניט דער משיח אימער פארגעשטעלט אלס מליץ יושר? האבען ניט פיעלע דורך תורת משה דעם גאט פון אברהם אנערקענט? און האבען ניט פיעלע דורך די תורת המשיח דעם גאט פון אברהם אנערקענט?

גאט האט געזאגט „איך וועל אריינגעבען מיינע ווערטער אין זיין מויל און ער וועט צו זיי רעדען אלעס וואס איך וועל איהם פערזארגן". האט דען ניט דער משיח אימער געזאגט דאס ער האט אלעס גערעדט אין זיין פאטער'ס נאמען? זעה יוחנן י"ד, כ"ד, „די ווערטער וועלכע איהר הערט זיינען ניט מיינע נאר דעם פאטער'ס וועלכער האט מיך געשיקט". אויך יוחנן י"ז, ח', ווען ער האט צו גאט געשפראכען און געזאגט „איך האב זיי געגעבען די ווערטער וועלכע דו האסט מיר געגעבען".

עס שטעהט ווייטער געשריבען וועגען דיזען נביא, ווי מיר האבען שוין געזעהען, „און עס וועט זיין דער מענש וואס וועט ניט צוהערען צו מיינע רייד וואס ער וועט רעדען אין מיין נאמען וועל איך עס פון איהם פאדערען". דענקט איהר ניט אז עס איז וואהר דאס זייט די אידען האבען פעראכטעט ישוע און האבען ניט געהערט זיינע רייד וועלכע ער האט געזאגט זיינען פון גאט, זיינען זיי צערשפרייט געווארען אין פיעלע פעלקער, און האבען זעהר פיעל געליטען און ליידען נאך ביז היינטיגען טאג? איז עס ניט איין אויסדריקליכער בעוויז דאס ישוע איז דיזער געוויסער נביא? און אויב זא, וואלט עס ניט פיעל בעסער זיין פאר די אידען, דאס זיי זאלען אנערקענען דעם הערן ישוע אלס זייער משיח און היילאנד, און דורך דעם גערעטעט ווערען פון זייער גייסטליכען און נאציאנאלען שטראף?

## ואהבת לרעך כמוך.

אין א טאג ווען דער קעניג פון מעסאפאטאמיע, דער גלויביגער יברים יבא עדעם האט געיאגט ביז מיטטאג און איז מיד געווארען, האט ער זיך געזעצט אויפן גראז אין דעם שאטען פון א בוים זיך אפצורוהען, אפקילען און עפס צו עסען. פלוצלינג האט ער בעמערקט ווי א בין פליהט שטילערהייט אראפ צום טיש, כאפט א ברעקעלע ברויט און פליהט דערמיט אוועק ווייטער. דער קעניג האט זיך פערוואונדערט, האט פערלאזט דעם טיש און איז אוועקגעגאנגען נאכצוקוקען דער בין. די בין איז צוגעפליגען צו א בוים און האט זיך

BCU Cluj / Central University Library Cluj

דארט אפגעשטעלט. אויף איין צווייג פון דעם בוים האט זיך געפונען א בלינדער שפערלינג, וועלכער הערענדיג דאס רעש'ן פון דער בין האט זיך צו איהר דערנעהערט און—צום ערשטוינען פונעם קעניג, האט די בין אריינגעלייגט אין דעם פיסק פון דעם שווייכען פויגעל דאס קליינע ברעקעלע ברויט וואס זי האט גענעמען פון דעם קעניג'ס טיש. „אך גאט!“ האט אויסגעשריען יברים, „וואס פאר א בזיון עס איז פאר דעם מענשען וואס ער האט ניט קיין ליבע צו זיין חבר, דענסטמאל ווען אפילו נישט אנגעזעהענע בעשעפעניסען גיבען אונז אזא ביישפיעל!“

אין אמת'ן דיזע קליינע געשיכטע וויזט אונז ווי וואונדערבאר גאט האט אלעס בעשאפען אז אלע באשעפעניסען, ווי קליין זיי מעגען זיין, זאלען האבען בעשטימטע מדות און שיינע אייגענשאפטען. אנהייבענדיג פון דעם קלענסטען פליעגעלע און ביז צו דער גרעסטער חיה, עלעפאנט, לייב—אלע זאגען עדות וועגען דעם וואונדערבארען פערשטאנד און זארג פון דעם בעשעפער. דעריבער האט אויך דער פערפאסער פון תהלים צייטענווייז אויסגעשריגען „מה רבו מעשיך יהוה! כלם בחכמה עשית! מלאה הארץ קניניך!“ „ווי גרויס זענען דיינע ווערק, יהוה! אלעס האסטו געמאכט מיט חכמה, די ערד איז פול מיט דיין רייכקייט!“

אבער פיעל העכער פון אלע בעשעפעניסען פון דער ערד, און ווי א קרוין פון דער שעפפונג, האט גאט געמאכט דעם מענשען בצלמו ובדמותו, האט איהם בעגאבט מיט שכל, פערשטאנד, רחמנות, מיטלייד און ליבע צו זיין חבר-מענש. „א ביסעל נידריגער פון די מלאכים האסטו איהם געמאכט און מיט כבוד און מיט שיינקייט האסטו איהם געקריינט, דו האסט איהם געמאכט געוועלטיגען איבער די ווערק פון דיינע הענד“ תהלים ח' ו-ז. ער האט איהם בעזעצט אין גן עדן אז ער זאהל געוועלטיגען איבער איהם און זאהל איהם בעארבייטען. די מלאכים פון הימעל פלעגען איהם בעזוכען און ער האט געהאט א גלייכע פערבונדענהייט מיט גאט. אין דער צייט ווען ער איז געווען אין פולער הארמאניע מיט דער וואונדערבארער נאטור, האט מען געקאנט זאגען וועגען דעם מענשען אז ער איז אין אמת'ן גליקליך געווען. נאר דאס האט פיעל נישט געדויערט. דער שטן כאפט זיך אהיין, נארט אפ דעם מענשען, אז ער זאהל ברעכען גאט'ס בעפעהל און אויף אזא אופן גנב'ט ער אוועק דאס גליק פון איהם. פאר זיין אונגעהארכזאמקייט ווערט דער מענש ארויסגעטריבען פון גן עדן. אט אזוי איז אוועקגענומען געווארן דער כבוד פון דעם מענשען און דורך זיין אייגענעם ווילען איז ער אריינגעפאלען אין דער טיפענים פון זינד! פון איצט פאנגט זיך אן א גאנץ אנדער לעבען. וויטאגען און זארגען נעמען פלאץ פון פרייד און גליק. טרערען נעמען פלאץ פון פרעהליכקייט. אין זיין הארצען ביז אצינד ליבענדיג זיין חבר-מענש ווערען געבוירען שנאה און עגאיזם, געדאנקען פון געווינסט (פראפיט) פערנעמען זיין שכל און ער הויבט אן צו קיקען אויף זיין חבר-מענשען ווי אויף א רוצח.

אין אזא ביטערען צושטאנד האט זיך געפונען די מענשהייט ווען דער משיח האט פערלאזט דאס גרויסקייט פון הימעל און איז געקומען אויף דער ערד צו זוכען און רעטען דאס וואס איז פערלוירען. „וואריין גאט האט אזוי די וועלט געליבט אז ער האט זיין בן יחיד אוועקגעגעבען אז יעדער וואס גלויבט אין איהם זאל נישט פערלוירען געהען נייערט האבען דאס עביגע לעבען“ (ברית החדשה, יוהנן ג, טז).

זיין לעהרע: „ואהבת לרעך כמוך“ האט די הייליגע בעשטימונג אריינצוברענגען ברודערליכקייט, שלום און א גוטען ווילען צווישען מענשען און זיי פיהרען מיט דער זעלבער געטליכער ליבע צו די טויערען פון גן עדן.

„ואהבת את יהוה אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך“ און „ואהבת לרעך כמוך!“ האט אויסגערופען דער ערלייזער, דער משיח. זיין קול ווענדט זיך היינט צו אונז אויך. זאהלען מיר איהם אלע געהארכזאם זיין!

„ואהבת לרעך כמך“ כדי דו זאלסט דערמיט בעווייזען אז גאט האט דיך בעשאפען אין א בעזאנדערען דמות און האט דיך בעגאבט מיט מדות פיעל העכערע פון די אנדערע לעבענדיגע בעשעפעניסען. ליבענדיג דיין חבר וועסטו ערפילען

BCU Cluj / Central University Library Cluj

דעם מאראלישען גענויק. וועסטו מאכען פון דיין שטוב א גן עדן ווינקעלע אפילו שוין דא אויף דער ערד—און דו וועסט זיין א ביישפיעל וואס איז ווערט נאכצופאלגען.

ליעבער לעזער, געדיינקסטו וואס דער קעניג יברים האט אויסגעשריגען ווען ער האט געזעהען די רחמנות-דיגע טהאט פון דער בין? —„וואס פאר א בזיון איז עס פאר דעם מענשען נישט צו האבען ליבע צו זיין חבר וען גאר נישט אנגע-זעהענע בעשעפעניסען גיבען אזעלכע ביישפילען!"

גאט זאהל אונז העלפען, אז מיר זאלען אויך פארשטעהען ווי וויכטיג ס'איז פאר גאט די ליבע צו אונזערע חבר־מענש.


האלהים הוא האהבה — גאט איז די ליבע

The Mildmay Mission to the Jews.

# אין זאאל „בית־אל", קישינעוו

מיעסטשאנסקאיא 26—(str. Wl. Herţ. 10)

## דרשות און געזאנג וועגן גאט'ס ליבע

יעדען שבת 3 א זייגער און 6 א זייגער אבענד

יעדען זונטאג 4½ א זייגער

די דרשות ווערן אויך אילוסטרירט מיט ליכט־בילדער.

געזאנג מיט אקקאמפאנימענט פוסגארמאניום און אנדערע אינסטרומענטן.

## איינגאנג פריי פאר יעדן.

אין זאאל „בית־אל" איז אויך צו בעקומען המשים תנ"ך, און אנדערע רעליגיעזע ביכער אויף זשארגאן, לשון־קודש, רוסיש, רומייניש.

BCU Cluj / Central University Library Cluj



אבאנאמענטן פרייז: — יאהרליך 12 לעי, 6 חדשים 6 לעי.

אלע אבאנאמענטן ערהאלטן די „ציונ'ס־לידער" אומזיסט.

פיר אנדערע שטייט מיט 1 לעי מעהר

Adresa: Redacţia „Binevestitorul" Expediţ. N. Tarlev.
str. Wl. Herţ. 10. Chişinău—Basarabia.

Redacţia şi Administraţia: Misíon. Englez. „Mildmay", L. Awerbuch